בעזרת השם יתברך

# פרק סג-סד

## בהר

## אין די פרקים ווערן ערקלערט:

אַ פירוש אויף דעם פסוק "בקראי ענני אלקי צדקי" וגו'. - דער מענטש זאָל זיך נישט האַלטן גרויס ווען זיין תפילה ווערט אָנגענומען, און אויך זאָל ער זיך נישט מייאש זיין ווען ער זעט אַז זיין תפילה איז ח"ו נישט געענטפערט געוואָרן. - דער מענטש דאַרף שטענדיק טראַכטן אַז ער איז אַ חוטא. - אַ קורצע תפילה צו זאָגן איידער מען קומט אַריין אין שוהל. - אויפצוהייבן די הענט ביים דאַווענען, און אַכטונג צו געבן נישט אויפצוהייבן זיי אומזיסט. - דער גרויסער שכר פאַר נעמען אויף זיך מסירות נפש ביים דאַווענען. - וואָס מען דאַרף אין זינען האָבן ביים אָנטוהן דעם טלית און די תפילין. - די קדושה פון די אידישע מלבושים, בפרט פון שבת און יום טוב. - די איסורים פון גזל און גניבה.

מצות הכנסת אורחים. - אַ מצוה וואָס מענטשן זענען מזלזל דערין, וואַרט אַז דער מענטש זאָל איר מקיים זיין און ער זאָל אויך מעורר זיין אַנדערע מענטשן איר מקיים צו זיין, און אַ מעשה דערויף פון זוהר. - פאַרשידענע הנהגות בשעת די סעודה. - כוס של ברכה. - נישט איבערצולאָזן ליידיקע כלים אויפן טיש בשעת ברכת המזון. - כבוד פאַר יעדן מענטש.

# אינהאלט
## פון פרקים ס״ג - ס״ד


**א.** אין פרק ס״ג ווערט ערקלערט: אַ מענטש זאָל זיך נישט גרויס האַלטן ווען זיין בקשה ווערט דערפילט. אויך זאָל ער זיך נישט אָפּהאַלטן פון ממשיך זיין בעטן ווען עס ווערט נישט דערפילט. ........ ז

**ב.** אַ משל צו אַ מצורע וואָס איז געקומען צום טיש פון אַ עושר, און דער עושר האט אים באַלד אַוועקשיקט. ........ ז

**ג.** אַ קורצע תפילה איידער מען קומט אַריין אין שוהל ........ ח

**ד.** ווען אַ מענטש הייבט אויף זיינע הענט ווען ער דאַווענט פון טיפן האַרצן, איז עס זייער טייער פאַר השם-יתברך ........ ח

**ה.** משה רבינו ווען ער האָט מתפלל געווען אויף עמלקי׳ס מפלה, האָט ער אויף געהויבן זיינע הענט ........ ט

**ו.** הענט וואָס זענען ריין פון גזל און גניבה און הויבן זיך אויף צו בענטשען גאָט ווען באַקומען ברכות און גוטע מתנות ........ ט

**ז.** ווען אַ מענטש קומט צו ביים דאַווענען וואו ער דאַרף זיין גרייט אויף מסירת נפש, דאַרף ער אויפהויבן זיינע הענט, אין עס ווערט גערעכנט ווי קידוש השם-אַ קרבן עולה ........ י

ח. דער קערפער אין קבר גייט נישט אַריין צווישן די צדיקים ביז די נשמה קומט פון גן-עדן מיט הוכחות אַז דער קערפער איז הייליג ........ יא

ט. כוונה ביים אָנטאָן טלית און תפילין ........ יב

י. אָנטאָן קליידער וואָס ווערן געמאַכט פון ריינע געלט ........ יב

יא. הוספה לפרק ס״ג ........ יד

יב. מעלת הצדיקים שמקנאים קנאת ה׳ ........ יד

יג. תחת אשר קנא לאלקיו - ויכפר על בני ישראל ........ יד

יד. אליהו מלאך הברית ........ יד

טו. אין פרק ס״ד ווערט דערקלערט: אַז די מצוה פון הכנסת אורחים, איז גרעסער פון אַנטקעגן גיין די שכינה ........ יז

טז. דער סאָרט הכנסת אורחים איז געוויס גורם צו דעם יחוד פון קודשא בריך הוא מיט זיין שכינה ........ יז

יז. זיך נעמען שנעל ווי אַ גבור צו וואָרענען און מעורר זיין מענטשן ........ יח

יח. דער וועלכער טוט עס געשיקט, דער ווערט אָנגערופן אַ זָרִיז און ער ווערט דערפאַר באַלוינט ........ יח

יט. מיר האָבן געמיינט אַז דו ביסט אַ מאָגערער בוים, ווייזט זיך אָבער אַרויס אַז דו ביסט אַ פעטער בוים. עפן זשע דיין מויל און רעד ........ יט

כ. מיין תפילה זאָל זיין פאַר דיר, השם יתברך, אַן עת רצון ........ יט

**כא.** דער כהן זאָל קומען צו דעם הייליגן אָרט מיט אַ הייליגסטן מחשבה......כ

**כב.** איז דער הייליגער "עת" ווי עס דאַרף זיין און גאַנץ מיט שמחה פאַראייניגט......כ

**כג.** דער תיקון פון דעם "עת רצון" איז, איר מייחד זיין מיט השם יתברך......כא

**כד.** ווען מיר וואָלטן געקומען אויף דער וועלט מער נישט ווי דאָס צו הערן, וואָלט עס גענוג געווען......כא

**כה.** בית המקדש, און אַלע חורבות פון ירושלים וועלן ווידער געבויט ווערן מיט אַ שיינקייט......כב

**כו.** דער כוס וואָס איז צווישן זיינעביידע הענט דאָס איז אַ רמז אויף יעקב......כב

**כז.** פונקט ווי איך קוק אויף דעם כוס של ברכה, אַזוי זאָל השם יתברך קוקן צו יעדער צייט אויף די אידן און זיי שטענדיק אָפּהיטן......כב

**כח.** די ברכה איז נישט אַ ליידיג אָרט און ספּעציעל אויף אַ ליידיגן טיש......כג

**כט.** אויב דער מענטש באַגעגנט ביים אַרויסגיין איינעם וואָס טראָגט ליידיגע כלים, זאָל ער דעם טאָג נישט גיין אין וועג אַריין......כג

**ל.** כאטש ער איז אַ למדן, זאָל ער זיך פירן מיט כבוד צו יעדן מענטש......כג

**לא.** זיי האָבן זיך נישט געפילט גרויס מיט זייער נשיאות......כד

**לב.** דאַן וועט אַריין די ברכה אין דעם כוס של ברכה וואו השם יתברך האָט אָנגעזאָגט זיין ברכה......כד

# פרק ס״ג

**אין דעם פּרק ווערט דערקלערט: אַ מענטש זאָל זיך נישט גרויס האַלטן ווען זיין בקשה ווערט דערפילט. אויך זאָל ער זיך נישט אָפּהאַלטן פון ממשיך זיין בעטן ווען עס ווערט נישט דערפילט.**

**א. דוד המלך,** שרייבט אין ספר תהלים (ד, ב): ״בְּקָרְאִי עֲנֵנִי אֱלֹקֵי צִדְקִי וגו׳ חָנֵּנִי וּשְׁמַע תְּפִלָּתִי״ - ווען איך רוף דיך ענטפער מיר גערעכטער באַשעפער וכו׳, האָב אויף מיר רחמנות און הער זיך צו צו מיין געבעט. זעט מיר אויס צו מפרש זיין וואָס די חכמים זאָגן, אַז דער וואָס בעט עפּעס פון השם יתברך און ווערט גלייך געהאָלפן, זאָל ער זיך נישט גרויס האַלטן מיט זיין בעטן און טראַכטן אַז ער איז אַ צדיק, ווייל זיין תפלה איז אָנגענומען געוואָרן, עס איז מעגלעך אַז ער איז אַ זינדיגער און השם יתברך האָט נישט קיין פאַרגעניגן מיט זיין דאַווענען.

**אַ משל צו אַ מצורע וואָס איז געקומען צום טיש פון אַ עושר, און דער עושר האט אים באַלד אַוועקשיקט.**

**ב. כדאיתא,** ווי מיר געפינען אין מסכת תענית (דף כ״ה עמוד ב׳): אַ משל צו אַ מצורע וואָס איז געקומען צום טיש פון אַ עושר, און דער עושר וויל נישט אַז דער מצורע זאָל אויסשמירן זיין הויז, זאָגט ער אָן מען זאָל אים געבן וואָס ער פאַרלאַנגט און אַוועקשיקן. און דאָס איז די כוונה פון דוד המלך עליו השלום ווען ער האָט געבעטן ביי השם יתברך: ״ווען איך רוף דיך, ענטפער מיר גערעכטער באַשעפער״, אָבער נישט באַלד אין דער מינוט, נאָר ״האָב אויף מיר רחמנות און הער זיך צו צו מיין געבעט״, און דאַן זאָלסטו אויספילן מיין בקשה. און דער מענטש זאָל ביי זיך טראַכטן אַז כאָטש ער האָט לאַנג געבעטן און איז נישט געענטפערט געוואָרן, זאָל ער זיך

נישט אָפּהאַלטן פון ווייטער בעטן און דאַווענען, ווייל השם יתברך גלוסט צו אַ תפלה ווען זי איז מיט כוונה, עס מיינט אַז די האַרץ זאָל וויסן וואָס דאָס מויל רעדט אַרויס.

## אַ קורצע תפילה איידער מען קומט אַריין אין שוהל

**ג. וכמו,** און ווי דער זוהר האָט אָנגעזאָגט אין פרשת בשלח (דף ס״ג עמוד ב׳): מיר האָבן געלערנט, יעדער וואָס דאַווענט פאַר השם יתברך, דאַרף בעטן זיינע בקשות און דאַווענען פון טיפן האַרצן, כדי אַז זיין האַרץ זאָל זיין גאַנץ מיט השם יתברך און זאָל מכוין זיין אין האַרץ און אין רצון, און דערפאַר האָט דוד המלך עליו השלום געזאָגט (תהלים קיט, י): ״בְּכָל לִבִּי דְרַשְׁתִּיךָ וגו׳״ - מיט מיין גאַנצן האַרץ האָב איך דיר געפאָרשט. און עס איז רעכט אַז יעדער מענטש, איידער ער קומט אַריין אין שול, זאָל זאָגן די דאָזיגע קורצע תפילה: ״נִדְבוֹת פִּי רְצֵה נָא ה׳, וּמִשְׁפָּטֶיךָ לַמְּדֵנִי. יְהִי רָצוֹן מִלְּפָנֶיךָ, ה׳ אֱלֹקַי וֵאלֹקֵי אֲבוֹתַי, שֶׁתְּהֵא תְפִלָּתִי צְלוּלָה וְזַכָּה וּבְרוּרָה מִכָּל עִרְבּוּבְיָא הַמְבַטְּלִים כַּוָּנוֹת הַתְּפִלָּה״.

## ווען אַ מענטש הייבט אויף זיינע הענט ווען ער דאַווענט פון טיפן האַרצן, איז עס זייער טייער פאַר השם-יתברך

**ד. ומאד,** און עס איז זייער טייער פאַר השם יתברך אויפצוהויבן די הענט און די פינגער ווען ער דאַווענט פון טיפן האַרצן, ווי עס שטייט אין זוהר פרשת יתרו (דף ס״ז עמוד א׳): עס זענען פאַראַן צען מלאכים אָנגעשטעלט אויף דעם, ווען דער מענטש הויבט אויף די הענט און די פינגער ביים דאַווענען און ביי די ברכה פון ״נטילת ידים״. מען טאָר אָבער נישט אויפהויבן די הענט אויסער ביים דאַווענען און ביים וואַשן די הענט, און אויף דעם זאָגט אָן דער זוהר: ״וְלֹא יֵרָאוּ פָּנַי רֵיקָם״ - און עס זאָל נישט געזען ווערן מיין פנים ליידיג (שמות כג, טו). און דער וועלכער הויבט אויף די הענט נישט ביים דאַווענען אָדער ביים וואַשן די הענט, דאַן קומען די צען אָנגעשטעלטע מלאכים און שעלטן

אים רמ״ח קללות, רחמנא לצלן, און באַלד רוהט אויף זיינע הענט אַ רוח הטומאה און קיין ברכה איז אין זיי נישטאָ.

## משה רבינו ווען ער האָט מתפלל געווען אויף עמלק׳ס מפלה, האָט ער אויף געהויבן זיינע הענט

**ה. ולכן,** און דעריבער שטייט ביי אברהם וואָס ער האָט געזאָגט (בראשית יד, כב): ״הרימותי ידי אל ה׳ אל עליון״ - איך הויב אויף מיין האַנט צו השם יתברך, דער פון הויבן. זאָגט דער תרגום: איך הויב אויב מיינע הענט ביים דאַוונען. אָבער נישט ווען מען דאַרף נישט. אויך ביי משה רבינו עליו-השלום ווען ער האָט מתפלל געווען אויף דער מפלה פון עמלק, האָט ער אויפגעהויבן זיינע הענט, און נאָר ביים דאַוונען אָדער ווען מען זאָגט ברכות דאַרף מען אויפהויבן די הענט און די פינגער.

## הענט וואָס זענען ריין פון גזל און גניבה און הויבן זיך אויף צו בענטשען גאָט ווען באַקומען ברכות און גוטע מתנות

**ו. ומכאן,** פון דאָ זעהען מיר די גרויסע שטראָף פון די וועלכע הויבן אויף די הענט ביים שווערן זיך. און עס איז אָנגענומען אַז דער וועלכער הויבט אויף די הענט און די פינגער נישט ביים דאַוונען אָדער ביי אַ וויכטיגע זאַך קומט אויף אים אין גיכן האַרבע שטראָף, און אויב די שטראָף. קומט נישט, זאָל ער זיך נאָך מער זאָרגן, ווייל געוויס קלייבט מען אָן אויף אים אין בית-דין-של-מעלה ביז עס וועט ווערן זייער פיל. דעריבער דער וואָס איז געוואוינט אין דעם דורכפאַל זאָל זיך מאַכן אַ גדר צו זאָגן דעם פסוק פאַרן דאַוונען און פאַר די ברכה פון נטילת ידים (תהלים קלד, ב): ״שְׂאוּ יְדֵיכֶם קֹדֶשׁ וּבָרְכוּ אֶת ה׳״ - הויבט אויף די הענט מיט הייליגקייט און בענטש השם יתברך. דאַן איז ער באַוויליגט פאַר השם יתברך און געוויס וועט ער באַקומען ברכות און גוטע מתנות. דאָס איז אָבער ווען זיינע הענט זענען ריין פון גזל און גניבה, אויב אָבער זיינע הענט זענען נישט ריין פון גזל און

גניבה און פון השגת גבול, וואָס איז דאַן ווערט זיין אויפהויבן די הענט און די פינגער אַפילו ביים דאַווענען, אדרבה זיי דערמאַנען די זינד איבערצוקערן מדת הרחמים צו מדת הדין.

## ווען אַ מענטש קומט צו ביים דאַווענען וואו ער דאַרף זיין גרייט אויף מסירת נפש, דאַרף ער אויפהויבן זיינע הענט, אין עס ווערט גערעכנט ווי קידוש השם-אַ קרבן עולה

**ז. על כן,** דעריבער זאָל דער מענטש זען דערצו אַז זיין פרנסה זאָל זיין ריין, עס זאָל נישט זיין אין די געלט קיין שום איסור, ווייל אויב עס איז דאָ אין דעם אַן איסור איז וואָס איז ווערד די גאַנצע האָרעוואַניע. און ווען די געלט קומען צו אים בהיתר, דאַן די הענט וואָס ער הויבט אויף ביים דאַוונען דערוועקן אויף אים אַ הייליגקייט פון השם יתברך און רחמים און חסדים, און ספעציעל ווען ער דערגרייכט דעם אָרט וואו ער דאַרף זיין גרייט אויף מסירות נפש על קדושת השם, דאַרף מען אויפהויבן די הענט ווי ער וואָלט זיך איבערגעגעבן אויף קידוש השם און דאָס וועט זיין גערעכענט ווי אַ קרבן עולה.

**ח. והנה,** מסירות נפש אויף קידוש השם איז בשעת קריאת שמע, ביים זאָגן "וְאָהַבְתָּ אֵת ה' אֱלֹקֶיךָ בְּכָל לְבָבְךָ וּבְכָל נַפְשְׁךָ", ביז סוף פרשה, און אויך ביים ענדע פון דער תפלה "וּבָא לְצִיּוֹן גּוֹאֵל" וכו': "בָּרוּךְ אֱלֹקֵינוּ שֶׁבְּרָאָנוּ לִכְבוֹדוֹ וְהִבְדִּילָנוּ מִן הַתּוֹעִים" ביזן סוף פון אָט דער תפלה זאָל ער טראַכטן, אַז אויב עס וואָלט אים באַשערט געווען צו זיין צווישן עובדי כוכבים וואָלט די וועלט געווען פינסטער פאַר אים, און ווי קען ער אָפּצאָלן השם יתברך פאַר דער גוטע מתנה וואָס ער האָט אים געגעבן וואָס ער האָט אים נישט געמאַכט ווי איינער פון זיי, און געוויס ווען דער מענטש זאָל דאָס געדענקען, וועט זיין האַרץ וואַרעם ווערן פון גרויס פרייד, און אין דער פרייד און וואַרעמקייט זאָל זיך אים דוכטן ווי ער זעט פאַר זיך אַ פייער און מען

ווייל אים נייטן זיך צו שמד'ן חס-וחלילה און ער וואַרפט זיך אַריין אין דעם פייער מיט ליבשאַפט אויף צו פאַראייניגן השם יתברך מיט די שכינה. דאָס זעלבע ביי מנחה פון שבת ווען ער זאָגט: ״אַתָּה אֶחָד וְשִׁמְךָ אֶחָד״ וגו׳״, אויך ווען ער זאָגט די ווערטער ״וְעַל מְנוּחָתָם יַקְדִּישׁוּ אֶת שְׁמֶךָ״ זאָל ער אין זינען האָבן אַז דער מענטש דאַרף זיך מוסר נפש זיין אויף קידוש השם.

## דער קערפּער אין קבר גייט נישט אַריין צווישן די צדיקים ביז די נשמה קומט פון גן-עדן מיט הוכחות אַז דער קערפּער איז הייליג

**ט. וענין**, און דער ענין פון מסירות נפש אויף קידוש השם איז זייער גרויס אין די אויגן פון השם יתברך, און ווי עס שטייט אין זוהר פרשת וירא (דף קכ״ד עמוד ב׳) אַז יעדער צדיק פון די וועלכע לערנען תורה, באַקומט אַלץ אַ באַלוינונג צוויי הונדערט און צען גלוסטיגע וועלטן (עוֹלָמוֹת דְּכִסּוּפִין). און דאָס איז וואָס עס שטייט (שיר השירים ח, יב): ״וּמָאתַיִם לַנֹּטְרִים אֶת פִּרְיוֹ״ - און צוויי הונדערט פאַר די וועלכע היטן אָפּ זיינע פרוכט. דאָס זעלבע דער וועלכער גיט זיך איבער אויף קידוש השם באַקומט צוויי הונדערט וועלטן (עוֹלָמוֹת דְּכִסּוּפִין). ווען עס קומט די צייט פון דעם מענטש, וואָס האָט זיך איבער געגעבן אויף קידוש השם, צו שטאַרבן, היט אָפּ דער שר וואָס איז אָנגעשטעלט אויף די באַגראָבענע קערפּערס, דעם קערפּער פון אָט דעם מענטש לויט ווי ער האָט זיך אויפגעפירט. און דאָס ווערט דערקלערט אין זוהר אין פרשת וירא (דף קכ״ג עמוד ב׳), אַז דער קערפּער אין קבר גייט נישט אַריין צווישן די צדיקים, ביז די נשמה קומט אַראָפּ פון גן-עדן און ווייזט סימנים וואָס זי האָט באַקומען פון די כרובים אין גן-עדן, צו דעם מלאך ״דוּמָה״, ער זאָל וויסן אַז דער קערפּער איז הייליג.

## כוונה ביים אָנטאָן טלית און תפילין

**י. והנה,** פאַרקניפּ אָט די דאָזיגע זאַכן אין דיין האַרץ דו זאָלסט עס נישט פאַרגעסן. עס איז פאַראַן איין זאַך וואָס איז זייער מסוגל אָנצוטאָן דעם גוף אין אַ הייליגן לבוש, און דאָס איז: ווען דו ביסט אָנגעטאָן אין ציצית זאָלסטו אין זינען האָבן אַז דורך די הייליגקייט פון דער מצוה דער גוף זאָל געהייליגט ווערן, און זאָל אים העלפן ער זאָל נישט דורכפאַלן אין זינד. מיר האָבן שוין דערמאָנט אין דעם ערשטן חלק פרק א׳, (משלי ג, ו): ״בכל דרכיך דעהו״ - אין אַלע דיינע וועגן ווייס אים (השם יתברך). ווען דו טוסט אָן דיינע לבושים, זאָלסטו אין זינען האָבן דעם איסור פון כלאים און דאם איסור פון שעטנז, און געוויס ווען דו וועסט אָנטאָן תפילין אויפן קאָפּ זאָלסטו האָבן אין זינען דעם הייליגן באַשעפער, עס זאָל נישט אַרויסגיין פון קדושה אין דרויסן צו דער סיטרא אחרא חס ושלום, און ספּעציעל די קליידער פון שבת און יום-טוב, ווי אויך דער טלית מיט די ציצית, זאָלן זיין אַ לבוש פון מצוה.

**יא. על כן,** דעריבער זאָל דער מענטש זיין געוואָרנט, ער זאָל נישט אָנצוטאָן אַ טלית-קטן וואָס מען רופט ״סְרַדְקִיל״ אין בית הכסא אָדער אין אַן אומריינעם אָרט, נאָר אין פאַל ווען עס איז צוגעדעקט מיט אַן אַנדער בגד, און אַזוי זאָל דער מענטש זיין געוואָרנט אין די קליידער פון שבת און יום-טוב, עס זאָל נישט זיין אין דעם קיין גזל אָדער גניבה, און אויב עס איז דאָ אין דעם גזל אָדער גניבה ווערט עס אָנגערופן ״נֶגַע״, און אָט דער בגד ווערט אָנגערופן (ישעי׳ כד, טז): ״בֶּגֶד בּוֹגְדִים״.

## אָנטאָן קליידער וואָס ווערן געמאַכט פון ריינע געלט

**יב. ולכן,** און דעריבער זאָגן אונזערע חכמים (כתובות דף קי״א עמוד ב׳): ״עֲתִידִין צַדִּיקִים לַעֲמוֹד בִּתְחִיַּת הַמֵּתִים בִּלְבוּשֵׁיהוֹן״. - די צדיקים וועלן אויפשטיין צו תחית המתים מיט זייערע קליידער.

עס מיינט, מיט זייערע כשר׳ע קליידער, וואָס זענען געמאַכט געוואָרן פון ריינע געלט, און דאָס איז דער סוד וואָס אונזערע חכמים זאָגן (כתובות דף ק״ד עמוד א׳): ״כְּשֶׁצַּדִּיקִים נִפְטָרִין מֵהָעוֹלָם, יוֹצֵאת בַּת קוֹל ׳בְּשָׁלוֹם יָנוּחוּ עַל מִשְׁכְּבוֹתָם׳״. - ווען דער צדיק גייט אַוועק פון דער וועלט גייט אַרויס אַ בת קול און זאָגט: מיט שלום זאָלן זיי רוען אויף זייער געלעגער. ווייל אותיות בשלו״ם זענען אויך אותיות בלבו״ש אין דעם איבערקער פון אתוו״ן, וויבאַלד אַז די צדיקים מאַכן זייערע קליידער מיט ריינע געלט, און די וועלכע גייען אָנגעטאָן קליידער געמאַכט דורך ריינע געלט, ווערט זיין תפילה געוויס אָנגענומען און באַוויליגט פאַר השם יתברך.

**יג. הכלל**, וואָס מיר זעען פון דעם פרק איז, אַז עס איז בעסער פאַר אַ מענטש צו דאַוונען אפילו ווייניק אָבער מיט כוונה און אויפהויבן די הענט און די פינגער ביים דאַוונען, ביי די ברכות והודאות און ביי קריאת-שמע און ביי דער תפלה פון ״ובא לציון״, און זיך דערווייטערן פון גזל און נישט יושר׳דיקע געלט, און דאַן פאַרזיכער איך אים אַז השם יתברך וועט אים מצליח זיין אויף דער וועלט און זיין באַלוינונג וועט זיין דאָפּלט אויף יענער וועלט, ווי דער משורר זאָגט (שיר-השירים ח, יב): ״וּמָאתַיִם לְנֹטְרִים אֶת פִּרְיוֹ״. - צוויי הונדערט וועלטן וועט השם יתברך געבן אַלץ באַלוינונג צו די וואָס היטן זיינע מצות.

# פרק ס״ד

## אין דעם פרק ווערט דערקלערט: אַז די מצוה פון הכנסת אורחים, איז גרעסער פון אַנטקעגן גיין די שכינה.

**א. אמרו,** אונזערע חכמים האָבן געזאָגט (שבת דף קכ״ז עמוד א׳): ״גְּדוֹלָה הִיא הַכְנָסַת אוֹרְחִים יוֹתֵר מֵהַקְבָּלַת פְּנֵי הַשְּׁכִינָה״. די מצוה פון הכנסת אורחים איז גרעסער פון אַנטקעגן גיין די שכינה. און געוויס האָבן די חכמים אָנגעוואונקן אין דעם אַ פאַרבאָרגענע זאַך, וואָס מ׳קען אויף דעם זאָגן אַז עס איז חשובער פון אַנטקעגן גיין דער שכינה.

**ב. והענין,** אין אָט דער מצוה פון הכנסת אורחים, איז פאַראַן צוויי בחינות. איינע, פשוט, די גוט האַרציקייט פון דעם מענטשן, וועלכער נעמט אַריין געסט צו זיך אין דער היים, גיט זיי צו עסן און טרינקען, אַ זאַך וואָס דער שכל זאָגט אַז עס איז גוט און פיין, צו טאָן חסד מיט מענטשן וועלכע קומען אויסגעמאַטערט און דורשטיק פון וועג, און נישט קוקנדיק אויף דעם וואָס דער אורח האָט די מעגלעכקייט אַליין איינצוקויפן עסן, גיט אים דער בעל הבית עסן און טרינקען און אַ געלעגער זיך אויסצורוען פון וועג, איז דאָך געוואַלדיג גרויס דער חסד פון דעם בעל הבית וועלכער טוט די חסדים מיט אַ גוט אויג און אויף אַ שיינעם וועג.

## דער סאָרט הכנסת אורחים איז געוויס גורם צו דעם יחוד פון קודשא בריך הוא מיט זיין שכינה

**ג. אמנם,** עס איז אָבער דאָ נאָך אַן ענין אין הכנסת אורחים. אויב דו זעסט אַז די תורה שטייט אויף דער גאַס און קיינער רירט זיך נישט צו צו איר, אַריינצונעמען איר אין שטוב, עס זאָל געהערט ווערן אין שטוב תורה ביי טאָג און ביי נאַכט, און עס זאָל זיין אַ קרוין אויפן קאָפּ. דאָס זעלבע אויב אַ מצוה וואָס דו באַמערקסט אַז מענטשן

היטן איר נישט אָפּ, זייער ווייניג וועלכע היטן איר אָפּ. אָט די מצוה ווארט געוויס אַז אַ כשר'ער מענטש זאָל איר אָפּהיטן און זיין פאָרזיכטיג אין דעם, און אויך ערוועקן אַנדערע מענטשן אויף דער דאָזיקער מצוה איר אָפּצוהיטן מיט ליבשאַפט פאַר השם יתברך. אָט דער סאָרט הכנסת אורחים איז געוויס גורם צו דעם יחוד פון קודשא בריך הוא מיט זיין שכינה.

## זיך נעמען שנעל ווי אַ גבור צו וואָרענען און מעורר זיין מענטשן

**ד. ודבר,** און דער זאַך ווערט געלערנט פון זוהר פרשת תרומה (דף קנ"ה עמוד ב') און אַזוי שטייט דאָרט: רבי יוסי און רבי חייא זענען געגאַנגען אין וועג, און אַ סוחר איז זיי נאָכגעגאַנגען. האָט רבי יוסי געזאָגט: מיר דאַרפן לערנען תורה און מקיים זיין וואָס עס שטייט דאָרט, ווייל השם יתברך גייט מיט און באַגלייט די וועלכע לערנען תורה. האָט רבי חייא געזאָגט: (תהלים קיט, קכו): "עֵת לַעֲשׂוֹת לַה' הֵפֵרוּ תּוֹרָתֶךָ". דער פשט אין דעם: ווען דו זעסט מענטשן וועלכע פאַרלאָזן די תורה אָדער אַ געוויסע מצוה וואָס מען איז איר נישט מקיים, און דורך דעם דערווייטערט זיך די שכינה, זאָל ער זיך נעמען שנעל ווי אַ גבור צו וואָרענען און מעורר זיין מענטשן.

## דער וועלכער טוט עס געשיקט, דער ווערט אָנגערופן אַ זָרִיז און ער ווערט דערפאַר באַלוינט

**ה. לאמר,** אַזוי צו זאָגן, לאָמיר זיך שטאַרקן אין דער הייליגער תורה אָדער אין אָט דער מצוה וואָס קיינער קוקט זיך נישט אום אויף איר, און לאָמיר איר דערהייבן פון דער ירידה וואָס מענטשן האָבן איר פאַרלאָזן שוין אַ לאַנגע צייט, און איצטער לאָמיר מכוון זיין, איר מקיים צו זיין, כדי מייחד זיין קודשא בריך הוא מיט די שכינה, דעמאָלטס איז וואויל דעם מענטשן וואָס טוט עס, און וואויל צו זיין נשמה, און דאָס מיינט דער פסוק "עֵת לַעֲשׂוֹת לַה'" - עס איז אַ

צייט צו טאָן אַ מצוה פאַר השם יתברך און צו דערוועקן מענטשן, ווען "הֵפֵרוּ תּוֹרָתֶךָ" - אַז זיי היטן נישט אָפּ די תורה אָדער אַ געוויסע מצוה. דער וועלכער טוט עס געשיקט, דער ווערט אָנגערופן אַ זָרִיז און ער ווערט דערפאַר באַלוינט.

## מיר האָבן געמיינט אַז דו ביסט אַ מאָגערע בוים, ווייזט זיך אָבער אַרויס אַז דו ביסט אַ פעטער בוים. עפן זשע דיין מויל און רעד

**ו. והאי,** און אָט דער סוחר וועלכער איז זיי נאָכגעגאַנגען, האָט צו זיי געזאָגט: איך בעט אייך רבותי, איר האָט געלערנט דעם פסוק זייער פיין, עס איז אָבער דאָ אַ שוועריקייט אין דעם פירוש. עס האָט געדאַרפט שטיין "יֵשׁ" לַעֲשׂוֹת לַה׳, אָדער "נַעֲשֶׂה". פאַר וואָס שטייט "עֵת"? האָט רבי יוסי געזאָגט: אין עטלעכע אופנים איז דער וועג פאַרבעסערט פאַר אונז: ערשטנס, מיר זענען געווען צוויי, און געוויס איצט אַז מיר זענען דריי און אַזוי אַרום איז די שכינה מיט אונז. נאָך אַ זאַך, מיר האָבן געמיינט אַז דו ביסט אַ מאָגערע בוים (אַן עם הארץ), ווייזט זיך אָבער אַרויס אַז דו ביסט אַ פעטער בוים (אַ תלמיד חכם). עפן זשע דיין מויל און רעד.

## מיין תפילה זאָל זיין פאַר דיר, השם יתברך, אַן עת רצון

**ז. פתח,** האָט יענער סוחר געעפנט און געזאָגט: עס איז פאַראַן אַ "עֵת" - אַ צייט, פון קדושה, און אַ "עֵת" - אַ צייט, פון דער סטרא אחרא. די צייט פון קדושה ווערט אָנגערופן "עֵת רָצוֹן", ווי עס שטייט (תהלים סט, יד): "וַאֲנִי תְפִלָּתִי לְךָ ה׳ עֵת רָצוֹן" - און מיין תפילה זאָל זיין פאַר דיר, השם יתברך, אַן עת רצון. און די צייט פון טומאה ווערט אָנגערופן "עֵת פֻּרְעָנִיּוֹת", וואָס קומט פון די "לִילִית הָרְשָׁעָה", און רופט זיך אויך "נָחָשׁ הַקַּדְמוֹנִי", וואָס פון איר נעמען זיך שווערע גזרות אויף אידן, רחמנא לצלן. דעריבער זענען די אידן געוואָרנט זיך צו דערווייטערן פון דער וואוינונג פון לילית, פון איר און פון אַלע

שלעכטע זאַכן וואָס זענען צוזאַמען מיט איר, און דער מענטש זאָל זיך דערנענטערן, וויפל נאָר מעגלעך, צו דעם "עת רצון" וואָס אין קדושה, וואָס די שכינה איז כולל אין זיך אַלע נשמות פון די צדיקים, דעריבער ווערט די שכינה אָנגערופן "כנסת-ישראל" ווי ס'איז באַוואוסט פאַר די "מקובלים". און אויף דעם האָט די תורה געוואָרנט (קהלת ג, ח): "עֵת לֶאֱהֹב" - די שכינה, "וְעֵת לִשְׂנֹא" - די סטרא-אחרא פון לילית.

## דער כהן זאָל קומען צו דעם הייליגן אָרט מיט אַ הייליגסטן מחשבה

**ח. והראי',** און אַ ראי' איז פון דעם כהן גדול וועלכער גייט אַריין אין קודש הקדשים צו דערוועקן רחמנות אויף אידן, האָט די תורה אָנגעזאָגט: (ויקרא טז, ב): "וְאַל יָבֹא בְכָל עֵת אֶל הַקֹּדֶשׁ" - ער זאָל נישט קומען אין יעדער צייט אין דער הייליגקייט. עס מיינט, די תורה האָט געוואָרנט אַז דער כהן זאָל קומען צו דעם הייליגסטן אָרט מיט אַ הייליגע מחשבה, און ספּעציעל יום כיפור וואָס איז אַן עת רצון, דער טאָג וואָס אין אים האָט מען פאַרגעבן די אידן אויף דעם חטא העגל און עס איז איינגעפירט געוואָרן אַ טאָג פון סליחה און כפרה אויף די ווייטערדיגע דורות, און דער כהן טאָר נישט אַריינגיין מיט אַ פרעמדע מחשבה פון דער סטרא אחרא חלילה.

## איז דער הייליגער "עת" ווי עס דאַרף זיין און גאַנץ מיט שמחה פאַראייניגט

**ט. והנה,** ווען די אידן לערנען תורה און היטן אָפּ די מצות, איז דער הייליגער "עת" ווי עס דאַרף זיין און גאַנץ מיט שמחה פאַראייניגט. ווען זיי זענען אָבער מבטל די תורה און זענען נאָכגעלאָזן אין מצות און גמילות חסדים, און איינער פאַרגינט נישט דעם צווייטן, און מ'טוט אַלץ מיט ליגנט און ערמה, און מ'איז מחלל השם דורך אַריינטרעטן אין יענעמס געשעפטן. אוי וויי, דאַן איז דער הייליגער "עֵת" זייער געפאַלן און די שכינה איז נישט גאַנץ און נישט מיט איר

גרויס ליכט, און די ״כֹּת הַפֻּרְעָנוּת״ שטאַרקט זיך צו פאַרשטאַרקן די אומות- העולם, אן זיי שטאַרקן זיך אויף אידן, און דער כח פון אידן גייט אַראָפּ נידעריגער און נידעריגער און פאַרשידענע סאָרט שלעכטס קומט פון דעם.

## דער תיקון פון דעם ״עת רצון״ איז, איר מייחד זיין מיט השם יתברך

**י. ובהאי,** און אין דער צייט רופט מען אויס אין הימל: ווער איז דער מענטש וואָס איילט זיך צו טאָן די רייד פון השם יתברך, און שטאַרקט זיך אָנצוהאַלטן אין דער הייליגער תורה און טוט מצות און מעשים טובים און דערוועקט אַנדערע מענטשן זאָלן טאָן די תורה און מצות, און איצט איז געקומען דער ״עֵת הַזָּמִיר״, מתקן זיין די שכינה און איר ברענגען צו השי״ת, און דאָס איז דער סוד פון ״עֵת לַעֲשׂוֹת לה׳״, און דער תיקון פון דעם ״עת רצון״ איז, איר מייחד זיין מיט השם יתברך.

## ווען מיר וואָלטן געקומען אויף דער וועלט מער נישט ווי דאָס צו הערן, וואָלט עס גענוג געווען

**יא. אתו,** זענען רבי יוסי און רבי חיא צוגעקומען און אים געקושט אויפן קאָפּ און האָבן געזאָגט: ווען מיר וואָלטן געקומען אויף דער וועלט מער נישט ווי דאָס צו הערן, וואָלט עס גענוג געווען. וואויל איז דעם דור פון רבי שמעון בן יוחאי וואָס אפילו צווישן די בערג געפינט מען חכמה פון דער תורה. דערנאָך האָבן רבי יוסי און רבי חיא געפרעגט דעם סוחר וואָס איז זיין נאָמען, האָט ער זיי געענטפערט: איך הייס חנן. האָבן זיי אים געזאָגט: השם יתברך זאָל רחמנות האָבן אויף דיר, (בראשית מג, כט) מיין זון, און גאָט זאָל זיך צוהערן צו דיין קול אין צייט ווען דו וועסט בעטן ביי אים, און דער סוחר האָט זיי נאָך פיל סודות אַנטפלעקט.

## בית המקדש, און אַלע חורבות פון ירושלים וועלן ווידער געבויט ווערן מיט אַ שיינקייט

**יב. ובתוך**, און אין מיטן די רייד האָט ער זיי געזאָגט פיר זאַכן וואָס דער מענטש דאַרף זיין אָפגעהיטן אין זיי, דאָס ערשטע, ווען אַ מענטש עסט גוטע מאכלים זאָל ער זיך דערמאַנען אויף דער הייליקייט פון ארץ ישראל און אויף דעם חורבן בית המקדש, און דאָס טרויעריקייט וואָס ער טרויערט אויף דעם חורבן בית המקדש רעכנט אים השם יתברך גלייך ווי ער וואָלט געבויט דעם בית המקדש, און אַלע חורבות פון ירושלים וועלן ווידער געבויט ווערן מיט אַ שיינקייט. וואויל איז זיין חלק.

## דער כוס וואָס איז צווישן זיינע ביידע הענט דאָס איז אַ רמז אויף יעקב

**יג. שנית**, דאָס אַנדערע איז אַז דעם כוס פון בענטשן זאָל ער נעמען מיט ביידע הענט. און זאָל אין זינען האָבן אַז זיינע צוויי הענט זענען קעגן אברהם און יצחק, ווייל אברהם איז די מדה פון חסד - די רעכטע האַנט, און יצחק איז די מדה פון גבורה - די לינקע האַנט, און דער כוס וואָס איז צווישן זיינע ביידע הענט דאָס איז אַ רמז אויף יעקב וואָס ער איז כלול פון ביידע מדות, אַזוי ווי די בעלי מקובלים שרייבן.

## פונקט ווי איך קוק אויף דעם כוס של ברכה, אַזוי זאָל השם יתברך קוקן צו יעדער צייט אויף די אידן און זיי שטענדיק אָפהיטן

די דריטע זאַך, ער מוז קוקן מיט די אויגן אויף דעם כוס של ברכה, און ער זאָל אין זינען האָבן: פונקט ווי איך קוק אויף דעם כוס של ברכה, אַזוי זאָל השם יתברך קוקן צו יעדער צייט אויף די אידן און זיי שטענדיק אָפהיטן, און עס וועט מקויים ווערן (דברים יא, יב): ״עֵינֵי ה׳

אֱלֹקֶיךָ בָּהּ מֵרֵאשִׁית הַשָּׁנָה" - די אויגן פון השם יתברך איז אויף איר פון אָנהויב יאָר.

## די ברכה איז נישט חל אין אַ ליידיג אָרט און ספּעציעל אויף אַ ליידיגן טיש

**יד. ד',** די פּערטע זאַך, דאָס ברויט זאָל ליגן אויפ'ן טיש ביים בענטשן, כדי דער טיש זאָל נישט זיין ליידיג, ווייל די ברכה איז נישט אַ ליידיג אָרט און ספּעציעל אויף אַ ליידיגן טיש, און דאָס איז דער סוד פון אונזערע חכמים (ברכות דף נ״א עמוד א׳) וואָס זיי פלעגן שטעלן פולע כוסות אַרום דעם כוס של ברכה, און דעריבער האָט רבינו שלמה לוריא זכרונו לברכה געוואָרנט, ער זאָל נישט לאָזן שטיין אויפ'ן טיש ביים בענטשן קיין שום ליידיגע כלי נאָר פולע.

## אויב דער מענטש באַגעגנט ביים אַרויסגיין איינעם וואָס טראָגט ליידיגע כלים, זאָל ער דעם טאָג נישט גיין אין וועג אַריין

**טו. והואיל,** און ווייל מיר שמועסן דאָ פון ליידיגע כלים, וועלן מיר זאָגן איין זאַך צו וואָרענען דעם עולם אַ זאַך וואָס איז געפּאָרשט און אויסגעפּרואווט, און דער וועלכער היט זיין נפש זאָל זיך דערפון דערווייטערן: דער זוהר וואָרנט יעדע מאַן אָדער פרוי, וואָס גייט אין וועג אַריין אָדער זיי ווילן גיין צו אַ הויכראַנגיקן מענטש עפּעס ביים אים צו ווירקן אָדער קויפן, אויב דער מענטש באַגעגנט ביים אַרויסגיין איינעם וואָס טראָגט ליידיגע כלים, זאָל ער דעם טאָג נישט גיין אין וועג אַריין אָדער צום הויכראַנגיקן מענטש. דעריבער דאַרף מען אויך צונעמען די ליידיגע כלים פון טיש ביים בענטשן.

## כאטש ער איז אַ למדן, זאָל ער זיך פירן מיט כבוד צו יעדן מענטש

**טז. הנלמד,** פון דעם פּרק לערנען מיר, אַז אַריינגעמען געסט איז

גרעסער פון אויפנעמען די שכינה, און די צווייטע, ווען אַ מענטש זעט אַז אַ געוויסע מצוה וואָס מען דאַרף מעורר זיין מענטשן מען זאָל עס מקיים זיין, און די דריטע, אַ מענטש זאָל זיין געוואָרנט. כאטש ער עֵר איז אַ למדן, ער זאָל זיך פירן מיט כבוד צו יעדן מענטש.

## זיי האָבן זיך נישט געפילט גרויס מיט זייער נשיאות

**יז. וראי׳,** און אַ ראי׳ צו דעם פון רבי יוסי און רבי חייא וועלכע האָבן זיך געפירט מיט כבוד צו יענעם סוחר, חנן, און צום סוף האָבן זיי אים געבענטשט, און האָבן זיך נישט געפילט גרויס מיט זייער נשיאות.

## דאַן וועט אַריין די ברכה אין דעם כוס של ברכה וואו השם יתברך האָט אָנגעזאָגט זיין ברכה

**יח. גם,** אויך זאָל אַ מענטש זיין געוואָרנט אין די פיר זאַכן וואָס איך האָב געשריבן, ווי מען זאָל זיך פירן ביים עסן, און עס זאָל נישט שטיין קיין ליידיגע כלים אויפן טיש ביים בענטשן ברכת המזון, און דאַן וועט אַריין די ברכה אין דעם כוס של ברכה וואו השם יתברך האָט אָנגעזאָגט זיין ברכה.

❖ ❖ ❖